ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of The Shluchim Office



## כ"ז טבת תשס"ו

## פרשת וארא

טייערע קינדער שלוחים,

א גוט'ן ערב שבת. איר זייט דעם רבינ'ס סאלדאטן וואס זיינען איבערגעגעבן צו זיין הייליקן מלחמה, זיין וויכטיקן שליחות. און ווי אין יעדער ארמיי, ווען מען גייט ארויס צו מלחמה קוקט מען אויפן גענעראל צו זען וואס ער טוט און מען טוט אים נאך. ווען מיר קוקן אויף אונזער רבי'ן זעהן מיר א וויכטיקן הוראה פאר אונז די סאלדאטן.

דעם שבת איז דעם יום הולדת פון רביצין חנה, דעם רבי'נס מאמע. דער רבי איז אלעמאל געווען זייער פארנומען מיט הייליקע זאכן, אבער ער האט ניט פארפעלט קיין טאג פון זען זיין מאמע. אפילו ווען רבי איז געזעסן שבעה פאר זיין ברודער– און זיי האבן ניט געוואלט אז רביצין חנה זאל וויסן פון דעם – איז דער רבי געגאנגען צו איר. קינדער, מיר האבן פון דעם א שטארקע הוראה. ווי וויכטיג נאר זאל זיין דאס מיט וואס מען איז פארנומען, מוז מען זיכער מאכן צו האבן צייט אויף כיבוד אב ואם – טאן פאר אונזערע עלטערן. און דורך פירן זיך אין דעם רבי'נס וועגן, וועלן מיר זיכער שוין ברענגען משיח נאו!

א. וועכטער




### פרשת וארא

***וגאלתי אתכם בזרוע נטוי' ובשפטים גדולים***

די ערשטע "מלחמה" פון אידן איז געווען – קעגן פרעה מלך מצרים.

און דער פסוק דערציילט ווי אזוי דער אויבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים "**ביד חזקה ובזרוע נטוי'**" (מיט א שטארקער האנט און אן אויסגעשטרעקטן ארעם), ווי דער פסוק זאגט: "**לבוא לקחת לו גוי מקרב גוי במסות באותות ובמופתים ובמלחמה וביד חזקה ובזרוע נטוי'**" - דער אויבערשטער האט ארויסגענומען אידן פון מצרים מיט א מלחמה מיט א שטארקער האנט און אן אויסגעשטרעקטן ארעם.

דער פארשטייער פון "פרעה" און "מצרים" אין אונזער צייט - איז דער יצר הרע, וואס וויל, רחמנא ליצלן, אז א אידיש קינד זאל זיין ביי אים א קנעכט, און זיך אויפפירן לויט ווי דער יצר וועט אים אנזאגן.

בשעת אידישע קינדער פון "צבאות השם" פירן די מלחמה קעגן דעם יצר הרע, לויט די אנווייזונגען פון דעם אויבערשטן, דער "קאמענדער–אין–טשיף" פון צבאות השם, קען מען זיין זיכער, אז דער אויבערשטער וועט זיי העלפן צו מנצח זיין דעם יצר הרע און זיך באפרייען פון אים.

נאר עס פאדערט זיך אז מען זאל פריער אליין פירן די מלחמה קעגן דעם יצר מיט א שטארקייט, "**ביד חזקה ובזרוע נטוי'**", אז כאטש דער יצר וויל אים פארטומלען, רעכנט מען זיך ניט מיטן יצר און מ'ווערט אינגאנצן ניט נתפעל פון אים: מען באקעמפט דעם יצר מיט אידישע כלי זיין - וואס זיינען דעם אויבערשטנ'ס מצוות!

און דעמאלט העלפט דער אויבערשטער, און באפרייט אים פון זיין יצר הרע און נאך מער: דער יצר הרע ווערט "דערטרונקען" אין "ים סוף" ביז עס בלייבט ניט איבער פון אים קיין רושם כלל וכלל!

ובמילא האט מען די אמת'ע פרייהייט, מ'ווערט באפרייט פון יעדער זאך וואס שטערט צו דינען דעם אויבערשטן, און מען דינט דעם אויבערשטן מיט אמת'ער שלימות און אמת'ער באפרייאונג.

און דעמאלט ווערט מקויים וואס שטייט: "**כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות**" - אזוי ווי די וואונדערס וואס דער אויבערשטער האט אונז באוויזן ביי יציאת מצרים, אזוי וועט ער באווייזן אונז וואונדערס בביאת משיח צדקנו.

ווארום ווען דער אויבערשטער זעט, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס אידישע קינדער געפינען זיך אין גלות, פירן זיי זיך אויף אין זאכן פון אידישקייט ווי א "בן חורין", א פרייער מענטש, פריי פון יעדער זאך וואס שטערט צו דינען דעם אויבערשטן ווי עס דארף צו זיין, פארשאפט דאס דעם אויבערשטן א גאר גרויסן נחת רוח, און ער ברענגט די גאולה האמיתית והשלימה,

און פונקט ווי ביי יציאת מצרים איז "**לא עכבן המקום** (אפילו) **כהרף עין**" - ער האט ניט פארהאלטן אידן אין גלות אפילו איין איבעריקע סעקונדע, אזוי אויך נעמט דער אויבערשטער אונז ארויס פון דעם איצטיקן גלות אין אן אופן פון "מיד הן נגאלין" - ער לייזט אונז אויס באלד, "משיח נאו"!

*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער משיחת ח"י ניסן תשמ"ה)*




עס שטייט וועגן משיח "**והוכיח במישור לענוי ארץ**" - משיח וועט געבן מוסר צו די עניוות'דיקע פון די לאנד. אמאל ווען עס קומט די געלעגנהייט פאר א איד צו רעדן מיט נאך א איד און אים מקרב זיין צו אידישקייט, פילט ער אן אומריכטיקן ביטול, "ווער בין איך?" טראכט ער, "אז איך זאל רעדן מיט נאך איינער." אזא איד וועט משיח געבן מוסר. ווייל יעדער איד מוז טאן וואס ער קען צו מקרב זיין אידן און אזוי ברענגן משיח.

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' **דובער**
בן הרה"ח ר' **נפתלי** שו"ב ע"ה **יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# דעם חסידישן לוח

## כ"ח טבת



**יום הולדת פון רביצין חנה – אם המלכות.**

דער שבת איז דער יום הולדת פון רביצין חנה – דעם רבי'נס מאמע.

רביצין חנה איז געבארן געווארן כ"ח טבת אין יאר תר"מ. זי איז געבארן געווארן אין שטאט ניקאלאייעוו צו הרב החסיד ר' מאיר שלמה ינובסקי, דער רב פון ניקאלאייעוו, און זיין ווייב רביצין רחל. רביצין חנה האט געהאט צוויי אינגערע שוועסטער, גיטל און עטל, און א אינגערן ברודער ישראל לייב.

ווען רביצין חנה איז געווען א מיידל האט זי איבערגעשריבן מאמרים פאר די חסידים פון ניקאלאייעוו. ווען עס איז געווען א נייע מאמר האט רביצין חנה איבערגעשריבן די מאמר אז מען זאל דאס קענען ארויסגעבן פאר די חסידים.

י"ג סיון תר"ס האט זי חתונה געהאט מיט הרב החסיד ר' לוי יצחק שניאורסאהן וואס ער איז געווען דעם רב פון יעקאטרינאסלאוו. זיי האבן געהאט דריי זין, דעם רבי'ן נשיא דורנו, דובער און ישראל ארי' לייב.

כמעט פערציג יאר שפעטער איז איר מאן, ר' לוי יצחק, געשיקט געווארן צו גלות אין צ'יאלי. מיט גרויס מסירת נפש איז רביצין חנה מיטגעגאנגען מיט אים. רביצין חנה האט געמאכט טינט פון גראז אז ר' לוי יצחק זאל האבן מיט וואס צו שרייבן זיינע כתבים. דער רבי שרייבט אסאך וועגן די גרויסע מסירת נפש פון זיין מאמע, און ווי אזוי די מסירת נפש האט אונז געהאלפן אז מיר האבן יעצט די הייליקע כתבים פון ר' לוי יצחק בזכותה.

# שבת מברכים ראש חודש

## דעם שבת איז שבת מברכים חודש שבט

- איך האב געזאגט תהלים שבת אינדערפרי (געדענק צו זאגן דיין חלק פון די "וואורלד ווייד תהלים קלאב")
- איך בין געגאנגען אין שול און איך האב געבענטשט דעם נייען חודש פון שבט.

## ראש חודש שבט - מאנטיק

- איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און אין בענטשן
- איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה
- איך האב געדאווענט מוסף
- איך האב געזאגט ברכי נפשי נאך שיר של יום
- (פאר מיידלאך) איך האב ניט גענייט אדער געוואשן קליידער

# דערציייל מיר א מעשה

## מעשות פון רביצין חנה

*רביצין חנה איז געווען אויסערגעוויינלאך אין איר אהבת ישראל, און די הילף בגשמיות און ברוחניות, וואס זי האט געגעבן פאר אידן **בגשמיות....***

הרה"ח ר' שמואל לו האט דערציילט,

"ווען איך בין געווען א בחור בין איך פיל מאל געגאנגען צום רביצין אין שטוב. זי איז אלעמאל געווען אינטערעסירט צו הערן אלע פרטים פון די פעולות און וואס איך בין געווען פארנומען.

ווען איך האב חתונה געהאט האט דער רביצין זיך זייער אינטערעסירט אין אלע פרטים פון אונזער לעבן. זי האט גערעדט מיט מיין ווייב און האט איר געגעבן עצות ווי אזוי בויען אונזער נייע שטוב– אנהויבנדיק פון די מעבל, און קאכן. אין יאר תשכ"ד, א פאר חדשים פאר איר הסתלקות, איז געבארן געווארן צו אונז אונזער ערשטע זון. מיין שוויגער איז געקומען פון לאנדון אויף א פאר וואכן צו העלפן. דעם טאג נאך דעם זי איז צוריקגעפארן, האט זיך די טעלעפאן געקלונגען אין אונזער שטוב. מיין ווייב האט אויפגעהויבן דעם טעלעפון און האט געפרעגט "ווער רעדט?" און זי האט באקומען דעם ענטפער "חנה..." רביצין חנה האט געררופען – נאר צו וויסן ווי גייט אלץ פאר מיין ווייב מיט איר נייע קינד..."

***און אין רוחניות...***

רביצין חנה איז געווען א "שלוחה" פון איר זון - דעם רבי'ן נשיא דורנו. אויב איינער האט געוואלט אריינגיין צום רבי'ן און האט ניט געוואוסט וויאזוי מסדר זיין זיינע ווערטער, איז ער געגאנגען צום רביצין און זי האט אים געהאלפן. און אויב א מענטש האט געוואלט אריינגיין צום רבי'ן און עס איז ניט געווען ציים, האט מען אים געזאגט גיין צום רביצין און דארט האט ער געהערט גוטע עצות, אדער א גוטע ווארט פון חיזוק און ברכה.

*דער רביצין האט פיל געשריבן אויף די מסירת נפש פון איר מאן - הרה"ח ר' לוי יצחק– צו האלטן תורה און מצוות– מיט חיות– אין זיין גלות אין צ'יאלי. פון אירע ווערטער דערקענען מיר __איר__ מסירת נפש אויף די זעלביגע ענינים.*

***__שמחת תורה אין גלות אין צ'אילי__***

"שמחת תורה איז געקומען, און מיר האבן ניט געהאט א ספר תורה מיט וואס צו פרייען זיך. קיין געסט האבן מיר אויך ניט געהאט, וויל דער מענטש וואס פלעגט אמאל קומען איז געווען פארנומען מיט זיין ארבעט. ווען עס איז געקומען די צייט פון הקפות האט מיין מאן אויסגערופען די פסוקים פון "אתה הראת" אין די זעלבע ניגון ווי ער האט עס געזאגט ווען ער איז געווען אין זיין שול מיט הונדערטע מענטשן. דעם שמחה האט מיין מאן דער רב פארשאפן אין אונזער קליינע צימער.

ער האט געזאגט יעדן פסוק, און האט געזונגען די ניגונים, און אין דעם קליינעם פלאץ צווישן דער טיש און דעם בעט, האט ער געטאנצט די הקפות. "יזך ויישר הושיעה נא, חומל דלים הצליחה נא"...אין זיינע ווערטער האט מען געקענט פילן ווי ער בעט אז זיינע טאנצן זאל זיין אנגענומען פארן אויבערשטן. איך האב דערוויילע געזעצן אין א קליינע ווינקל אויף א שטיק האלץ, און איך האב געטראכט אויף זיין גרויסקייט, ווי ער טאנצט מיט זיינע אלע כוחות אלע זיבן הקפות. דעם נעקסטן טאג האט ער נאכאמאל געטאנצט, און מיט אויסערגעוויינליכע שמחה האט ער געזאגט די ווערטער "שישו ושמחו בשמחת תורה"..."

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת וארא

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

לייז

אלע בהמות זיינען געשטארבן

בלוט

האגעל

פריש

ווילדע בהמות

שחין



דם

צפרדע

כינים

ערוב

דבר

שחין

ברד

די געווינער פון פרשת שמות: מנחם לזרוב, 12

הצלחה רבה

נאמען: ______________________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ________________________________________

________________________________________

אימייל: __________________________